**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/18/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הייבט אן א פרואוו צו באשיצן ניו יארקער פאראויס פון די גאנצע ליקוי חמה אפיל 8**

***ניו יארק סטעיט וועט ארויסגעבן געצוימטע אויפלאגע I LOVE NY ליקוי חמה גלעזער ביי 30 לאקאציעס דורכאויס די סטעיט - אריינגערעכנט ניו יארק סטעיט אויפנאם צענטערן און די Select Service Areas דורכאויס NYS טראוועי***

***מוטיגט ניו יארק שטערנזעהער צו זעהן וואכזאם פון שווינדלען, פאלשע סחורה און פאלשע אונטערקונפט פארקויפונגען***

***מעלדט אויסברייטערונג פון אנגייענדע I LOVE NY ליקוי חמה זיכערהייט וואכזאמקייט קאמפיין צו אריינעמען מעסעדזשינג צו אויסהייבן גלעזער פארטיילונג איבער די סטעיט***

***בויט אויף סטעיטווייזע צוגרייטונגען פאר אן איינמאליגע ספעריש אווענט***

גאווערנער האקול הייבט אן א סטעיטווייזע פרואוו צו באשיצן ניו יארקער פאראויס פון די גאנצע ליקוי חמה מאנטאג, אפריל 8. די פרואוו וועט אריינעמען סטעיטווייזע פארטיילונג פון געצוימטע אויפלאגע I LOVE NY ליקוי חמה גלעזער ביי 30 לאקאציעס דורכאויס די סטעיט - אריינגערעכנט ניו יארק סטעיט אויפנאם צענטערן און די Select Service Areas דורכאויס NYS טראוועי - ווי אויך א דערמאנונג פאר שטערנזעהער צו זיין וואכזאם איבער שווינדלען, פאלשע סחורה און פאלשע אונטערקונפט פארקויפונגען. אין צוגאב, האט די גאווערנער אויסגעברייטערט א I LOVE NY קאמפיין צו מוטיגן ניו יארקער צו נאמען פאסיגע זיכערהייט מאסנאמען דורכאויס די ליקוי. די היינטיגע מעלדונג בויעט אויף פריערדיגע שריט צו אנגרייטן די סטעיט, ווי אויך אלס ניו יארק שטערנזעהער, פאר די איינמאליגע ספערישע אווענט.

"די גאנצע ליקוי חמה וועט זיין א איינמאליגע איבערלעבעניש פאר אונזער סטעיט, און עס איז קריטיש אז ניו יארקער האבן די געצייג און די אינפארמאציע צו הנאה האבן דערפון זיכערערהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פון העכערן וואכזאמקייט איבער שווינדלערייען צו צושטעלן טויזענטער ניו יארקער מיט ליקוי גלעזער, בין איך קאנצענטרירט צו געבן פאר יעדן די מיטלען וואס זיי דארפן צו זיכערערהייט צוזעהן די אויסערגעווענליכע געשעהעניש."

אפריל 8, וועט א גאנצע ליקוי חמה ארומנעמען די מערב און צפון חלקים פון ניו יארק סטעיט מיט בערך 100-מייל ברייטע גאנג פון גאנצקייט אריינגייענדיג אין די דרום-מערב טייל פון די סטעיט פונקט נאך 3:15 נאכמיטאג און פארלאזנדיג צפון ניו יארק פונקט נאך 3:30 נאכמיטיג. שטעט און דערפער אין די וועג נעמען אריין דזשעימסטאון, באפעלא, ראטשעסטער, סירעקיוז, וואטערטאון, אלד פארדזש, לעיק פלעסיד און פלאטסבורג. די גאנצע געשעניש וועט געדוירען ביז ½ 2 שעה, רעכענענדיג די צייט די זון ווערט ערשט פארשטעלט ביז די לעצטע מאמענטען ווען די לבנה'ס שאטען ווערט געוואָרפן.

**I LOVE NY ליקוי גלעזער**
בשעת די ליקוי, איז עס ספעציעל אומזיכער צו קוקן דירקעט אויף די זון אן ספעציאליזירטע אויגן באשיצונג און קען פירן צו ערנסטע שעדיגונג. די טיילווייזע שטאפלען פון די ליקוי חמה קענען נאר אנגעקוקט ווערן דירעקט מיט ספעציעלע זון ברילן אדער דורך א קליינע זון קוקער - געווענליכע זון גלעזער זענען נישט א פארזיכערטע איבערזאץ.

א געצוימטע אויפלאגע I LOVE NY ליקוי חמה גלעזער וועט זיין צו באקומען אנגעהויבן היינט ביי לאקאציעס דורכאויס די סטעיט, אריינגערעכנט ניו יארק סטעיט אויפנאם צענטערן און געוויסע סערוויס געגנטער דורכאויס די ניו יארק סטעיט טראוועי (ביי די Applegreen געשעפטן). א פולע ליסטע פון לאקאציעס וואס געבן ארויס I LOVE NY גלעזער, ווי אויך אנדערע קוועלער פאר ליקוי גלעזער, צו באקומען [דא](). גלעזער וועלן זיין געצוימט צו צווי פאר פער פערזאן, בשעת סופלייס האלטן אן, מיט א געצוימטע צאל געליפערט טעגליך. די גלעזער זענען באשטעטיגט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט Department of Health און טראגן אן [ISO באשטעטיגונג]().

א דיגיטאלע מארקעטינג קאמפיין איז געווארן אנגעהויבן אין יאנואר צו אויסהייבן אלגעמיינע וואכזאמקייט איבער די ליקוי און קוקן אפציעס איבער ניו יארק סטעיט. מעסעדזשינג פון די קאמפיין האט זיך אויסגעברייטערט צו אריינגעמען זיכערהייט און צוגרייטונג אינפארמאציע ווי אויך אינפארמאציע אויף ליקוי גלעזער פארטיילונג. די קאמפיין וועט אנגיין ביז די ליקוי אפריל 8.

**באשיצן שטערנזעהער פון שווינדל**
די ניו יארק Department of State's Division of Consumer Protection טוט צושטעלן טיפס פאר די הונדערטער טויזנטער איינקויפער וואס פלאנען צו רייזן צו ניו יארק סטעיט צו מיטהאלטן די ליקוי חמה איבער ניו יארק. איינקויפער מוזן זיין אינפארמירט איבער זייערע רעכטן, קויפן קלוג צו באשיצן זייער שווער-פארדינטע געלט און בלייבן וואך זיך צו באשיצן פון שווינדלערייען.

לויט די Better Business Bureau, נעמען שווינדלערייען פארבינדן מיט די 2024 ליקוי חמה אריינעמען:

- **רייזע שווינדלערייען** שווינדלער קענען רעקלאמירן ביליגע רייזע פעקלעך אדער טראנספארטאציע סערוויסעס פארן זעהן די ליקוי, נאר צו פארשווינדן ווערן מיט דעם איינקויפער'ס געלט אדער צושטעלן ביליגע סערוויסעס.
- **פאלשע סחורה:** אומוויסנדע פארקויפער קענען פארקויפן פאלשע אדער טייערע ליקוי סחורה.
- **פאלשע צושטעלונגען פארקויפונגען:** שווינדלער קענען שאפן פאלשע האטעל אדער רענטאל ליסטינגס באהויפטנדיג צו האבן די בעסטע אויסבליק פון די ליקוי בשעת די ליסטינגס טוען נישט עקזיסטירן אדער פראפערטיס זענען נישט ווי באשריבן, אדער די אויסלייגער איז נישט באמת דער אייגנטומער.

זיך צו באשיצן קעגן די שווינדלערייען, זאל די איינקויפער:

- **פרובירט צו באצאלן מיט א קרעדיט קארטל.** קרעדיט קארטס טוען צושטעלן מער באשיצונג ווי צאלן מיט קעש, טשעק, אדער דעביט קארט. געוויסע קרעדיט קארד פירמעס שטעלן אויך צו בענעפיטן ווי רייזע אינשורענס אדער געפעק סערוויס בשעת'ן רייזן און קענען אויף צושטעלן נאך באשיצונגען אויב די רייזע ווערט אפגערופן. קוקט איבער מיט אייער קרעדיט קארד פירמע אויף די אומשטענדן פון רייזע אויסגאבן פארגיטיגונג.

- **קויפן סחורה.** קויפט ליקוי זעה גלעזער און אנדערע פארבינדענע פראדוקטן נאר פון באוויסטע פארקויפער אדער באשטעטיגטע קוועלער. זעהט אויב די גלעזער נעמט אריין די ISO סטעמפ און מעסעדזש ווען איר זוכט ליקוי גלעזער אדער קליינע קוקערס, דאס בעסטע איז ווען איר הייבט אן מיט די [AAS ליסטע](https://) פון סופלייערס איר זאלט קענען זיין זיכער אז אייערע זעהער זענען פארזיכערט.
- **פערזענליכע אינפארמאציע** פירט זיך מיט פארזיכטיגקייט ווען איר געבט פערזענליכע אדער פינאנציעלע אינפארמאציע אנליין. די ראט איז גוט פאר א גאנץ יאר, נישט נאר פאר די ליקוי.
- **פארשט אליינס נאך.** באשטעטיגט די לעגיטימיטעט פון צושטעלונגען ליסטינגס דורך אויספארשן די פראפערטי און ליינען רעוויוס פון פארטרויליכע קוועלער.

**סיי וועלכע קאנסומער וואס בעגעגנט א מארקעטפלאץ פראבלעם בשעת'ן הנאה האבן פון די ליקוי אין ניו יארק** קען פיילן א קלאגע מיט די Division of Consumer Protection ביי https://dos.ny.gov/consumer-protection.

**נאך צוגרייטונגען פאר די גאנצע ליקוי חמה**
ניו יארק סטעיט איז פארפליכטעט צו צושטעלן א זיכערע און געשמאקע ליקוי ערפארונג, איינזעהענדיג די צוזאמלויף פון פאבליק זיכערהייט און טוריזם אויסהייבונג. רייזנדע זענען געמוטיגט צו פלאנירן א פארברייטערטע וואקאציע פאר א מער געשמאקע אווענט, אריינגערעכנט אויסמיידן טרעפיק פון נאך די ליקוי ווי די מאסיגע דרונג נאכפאלגנדיג די גרויס ליקוי פון 2017, וואס איז דורכגעפארן אמעריקע פון ארעגאן ביז סאוט קעראליינא.

**עדיוקעישענל אינפארמאציע און זעהן**
פריער די חודש, האט גאווערנער האקול [געמאלדן](https://) די ליקוי אווענט און אקטיוויטעטן געשטעלט צו זיין בי די ניו יארק סטעיט פארקס, אין צוזאמענארבעט מיט NASA. I LOVE NY האט אנגעהויבן א מולטי-פלאטפארמע "Come for the Eclipse, Stay for New York" קאמפיין צו פרעזענטירן ניו יארק אלס די פלאץ צו זעהן די געשעהעניש. די קאמפיין און א [ספעציעלע ליקוי וועבסייט](https://) ברענגט ארויס אינפארמאציע איבער לאקאציעס וואו מען קען זען אין די פינף ראיאנען וואס וועלן זיין אין די ארט פון טאטאליטעט, פארשידענע אטראקציעס און און ספעציעלע ליקוי פארבינדענע אווענטס וואס קומען פאר לענגאויס די סטעיט דורכאויס איר דיגיטאלע פלאטפארמעס אריינגערעכנט [TikTok](https://), [Facebook](https://), [Instagram](https://) און [Twitter/X](https://). א דאונלאודעבל ספעציעלע עדישן [ליקוי פאסטער](https://) איז אויך אוועילעבל, געמאכט דורך I LOVE NY'ס פארטנערשיפ מיט די אנערקענטע ארטיסט און פראפעסיאנאלע אסטראנאמער דר. טיילער נארדגען. באזוכט [iloveny.com/eclipse](https://iloveny.com/eclipse) פאר זעהן לאקאציעס און נאך זיכערהייט טיפס.

**סעקרעטערי אוו סטעיט ראבערט ראדריגאז דזש. האט געזאגט,** "די געשפאנטקייט טוט זיך בויען פאר די אויסערגעווענליכע ספעקטישע אווענט פאסירנדיג די ערשטע מאל אין 99 יאר. בשעת הונדערטער טויזענטער ליקוי חמה ענטוזיוסטן באזוכן און רייזן דורכאויס אונזער סטעיט, טוען מיר דרינגען ניו יארקער און טוריסטן צוגלייך צו זיין וואכזאם און אויספאלגן אונזערע טיפס אז זיי זאלן קענען הנאה האבן פון די ליקוי אן פאלן א קרבן צו שווינדלערישע פלענער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינאר האופ נייט האט געזאגט,** "ניו יארק'ס בעסטע לאקאציע אין די וועג פון טאטאליטעט פאר די זעלטענע גאנצע ליקוי חמה האט ערצייגט שטארקע אינטערעסע פון איינוואוינער און באזוכער צוגלייך. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, טוען מיר ארבעטן צו פארזיכערן צוזעהער זיכערהייט דורך מולטי-אגענטור פאבליק זיכערהייט קאארדינירונג און די פארטיילונג פון די ערגענצנדע I LOVE NY ליקוי גלעזער. די איינמאליגע

געשעעניש וועט ווייטער שטיצן אונזער קריטישע טוריזם אינדוסטריע, בענעפירטנדיג האטעלן, רעסטוראנטן און ביזנעסער, בשעת ליקוי ענטוזיוסטן אנטדעקן לאקאציעס דורכאויס די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישינאר מארי טערעסא דאמיגעז האט געזאגט,** "אלס טייל פון ניו יארק סטעיט'ס מולטי אגענטור מיטארבעט פרואוו, טוען סטעיט אגענטורן אונטער גאווערנער האקול'ס אנווייזונג ארבעטן אין פאראייניגונג צו מאכן זיכער אז די קומנדע ליקוי חמה איז ווי אנגענעם און פארזיכערט מעגליך. ניו יארק סטעיט וועט זיין איינע פון די הויפט דעסטינאציעס פאר מענטשן וואס האפן צו כאפן א זעלטענע בליק אויף די נאטורליכע וואונדער, וואס וועט צושטעלן נייע געלעגנהייטן פאר די עקאנאמיע און טוריזם, צוזאמען מיט אייגנארטיגע טראפיק שוועריגקייטן. אויב איר קומט צו ניו יארק צו הנאה האבן פון די געשעהעניש, ביטע קומט צוגעגרייט מיט עסן און וואסער; ביטע זיין געדולדיג, אזוי ווי איר קענט באגעגענען טראפיק און ביטע נישט פארקן ביי די זייט פון די ראודס - אז עמערדזשענסי קארס זאלן קענען זיכערערהייט אריבערגיין די שאסייען. די שטאב ביי NYSDOT פלאנירט צו פארזיכערן אז יעדער טוט נישט נאר הנאה האבן פון די ליקוי זיכערערהייט, נאר טוען האפנטליך גיין צו נאך ערטער בשעת זיי זענען דא."

**ניו יארק סטעיט העלט קאמישינאר דר. דזשעימס מקדאנאלד האט געזאגט,** "די געשעעניש איז די וויכטיגסטע טריט צו פארזיכערן אז ניו יארקער האבן הנאה פון די איינמאליגע געשעעניש און צו באשיצן אייערע אויגן. ISO באשטעטיגטע ליקוי גלעזער וועלן באשיצן אייער אויגן פון ערנסטע און מעגליך פערמענאנטע שאדן, וואס קען פאסירן דורכן קוקן אויף די ליקוי מיט געוועגליכע זון גלעזער אדער אן אויגן באשיצונג. איך בין דאנקבאר אז גאווערנער האקול טוט מאכן די ספעציאליזירטע גלעזער אוועילעבל אין צענדליגע לאקאציעס ארום די סטעיט צו פארזיכערן אז די ערפארונג איז א זיכערע און אנגענעמע."

**ניו יארק סטעיט טראוועי אויטאריטעט Acting Executive Director Frank G. Hoare האט געזאגט,** "טויזענטער פרישע מאטאריסטן זענען ערווארטעט צו נוצן די ניו יארק סטעיט טראוועי צו פארן צו זייערע דעסטינאציעס צו זעהן די ליקוי אפריל 8. מאטאריסטן וואס שטעלן זיך אפ ביי געוויסע סערוויס ערטער אויפן טראוועי וועלן קענען אויפפיקן אן אומזיסטע פאר ליקוי גלעזער צו זיכערערהייט זעהן די איינמאליגע געשעהעניש. פאר די זיכערהייט פון אלע רייזנדע, איז נישטא קיין פארקינג אויף די זייטן פון די ראוד אויף די הייוועיס, און פארקינג אין די טראוועי סערוויס געגנטער וועט זיין געצוימט. מיר מוטיגן רייזנדע צו אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס פרי, פארן זיכערערהייט און הנאה האבן פון די היסטארישע געשעעניש."

**Mark J.F. Schroeder, Commissioner of the NYS Department of Motor Vehicles און Chair of the Governor's Traffic Safety Committee האט געזאגט,** "דאס איז אן איבעראשנדע טאג פאר ניו יארקער און אונזערע באזוכער צו מיטהאלטן א זעלטענע פענעמאנאן, און מיר ווילן מאכן זיכער אז יעדער קען עס טוהן זיכערערהייט. אויב טוט איר דרייוון בשעת דעם ליקוי, זייט גרייט פאר פלוצים'דיגע טונקלקייט, און טוט נישט פרובירן צו קוקן אויף די ליקוי בשעת איר פארט. טרעפט א פלאץ צו פארקן אויב איר ווילט קוקן, און מאכט זיכער אז איר האט די פאסיגע אויגנגלעזער. איר זאלט זיין אוימפערקזאם אז טראפיק אין די געגנטער וואס מען קען זעהן וועט זיין שווערער, איז ערווארט שפעטיגונגען און נעמט עס צושטאט."

**קלעיר ראזענצווייג, פרעזידענט און CEO פון Better Business Bureau - Metropolitan New York האט געזאגט,** "א ליקוי חמה איז שפאנענד אבער לאזט נישט אראפ אייער זיכערהייט צו די וואס ווילן אייך באשווינדלען און אפטראגן מיט אייער געלט. טוט אליין נאכקוקן פראדוקטן און סערוויסעס און גיבט נישט פאר קיינעם אייער פערזענליכע אדער פינאנציעלע אינפארמאציע צו א פרעמדן."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן